# פרשת בהעלותך

## בס"ד. משיחת וא"ו תשרי ה'תשד"מ

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

זעט מען אין אַ חינוך פון אַ קינד, איז פלאַנצט מען אין אים איין – יעדער מחנך אַלס אַ שליח פון די עלטערן – די שני הפכים:

צום אַלעם ערשטן גיט מען דעם קינד יסודות, וואָס אין זיי איז ניט שייך קיין שינוי. אין וואָס פאַר אַ זמן ער וועט ניט קומען, אין וואָס פאַר אַ מקום ער וועט ניט זיין – גיט מען אים יסודות בחייו: דער ענין הצדק ויושר וכו', ובנוגע צו אידן – דעם ענין פון אמונה באלקים אחד און הנהגה על פי תורתו ומצוותיו, אַז "התורה זו לא תהי' מוחלפת", ביז אין אַן אופן פון מסירת-נפש.

און ווי מ'פלאַנצט-איין אין אידישע קינדער גלייך ווען מ'הויבט זיי אָן מחנך זיין – אַז דאָס איז אַן ענין וואָס דאָס איז היא חיינו ואורך ימינו.

און מ'האַלט דאָס אין איין חזר'ן מיטן קינד, ווען ער געפינט זיך נאָך אין התחלת תקופת החינוך, און דערנאָך איז אפילו אַז ער האַלט שוין באמצע, און אפילו בסוף תקופת החינוך – לייגט מען די גרעסטע השתדלות, אַז ער זאָל בלייבן אַן איש ישר הולך און זאָל זיך פירן בצדק וביושר,

אפילו ווען ער דאַרף מוותר זיין אויף אַן אייגענעם רצון אָדער אויף אַן אייגענע תאוה אָדער אויף אַן אייגענע תועלת, און די טענה איז, אַז איצטער האָט ער דעם רצון מסויים אָדער תאוה מסויימת אָדער די אפשריות מיוחדת –

זאָגט מען אים, אַז דאָס איז די ענינים וואָס אין דערויף איז ניט שייך זאָגן קיין שינויים.

ביחד עם זה גייט אויך אַריין אין חינוך – אַן ענין וואָס איז לכאורה אינגאַנצן אַ הפכי:

מ'זאָגט-אָן אַ קינד, אַז ער דאַרף האַלטן אין איין וואַקסן. און מ'ברענגט די ראי' – אויב מ'וויל האָבן אַ ראי' – אַז דער גוף זיינער וואַקסט, על אחת כמה וכמה אַז ס'דאַרף וואַקסן זיין תוכן פנימי, אָדער ווי ער טייטשט דאָס אָפּ: זיינע מדות אָדער זיין שכל והבנה.

און אַזוי חזר'ט מען דאָס איבער, ניט וויבאַלד אַז איין מאָל האָט מען דאָס ביי אים געפּועל'ט איז אַ סימן, אַז ער קען זיין אַ "מהלך" – נאָר דערנאָך מידי יום ביומו, איז ווי מ'זעט דאָס אין הנהגה פשוטה, פון אנשים פשוטים אפילו, אין כל הענינים, איז בטבע האדם, אַז ס'קומט דער קינד צוגיין פון בית-הספר, אָדער פון "חדר" וישיבה וכו', איז אויב דאָס איז דער פאָטער און די מוטער כדרוש – פרעגן זיי גלייך ביי אים נאָך: וואָס האָסטו היינט געלערנט? ובלשון הידוע: "מה חידוש נתחדש בבית המדרש".

וואָס דאָס האָט מען געפרעגט ביי תלמידים תנאים ואמוראים. על אחת כמה וכמה – – און ווי מזעט דאָס אויך בפועל, אַז מ'זאָגט אַ קינד, אַז דו מוזט נשתנה ווערן! און ניט דו קענסט נשתנה ווערן איין מאָל אַ וואָך, און אַ גאַנצע וואָך וועסטו שטיין אין זעלבן מעמד ומצב – נאָר בכל יום ויום דאַרף באַ דיר זיין חדשות. און מ'פרעגט אים נאָך, און מ'איז אים בוחן, און מ'גיט אים פרסים, אָדער מ'באַווייזט אים אַ פנים זועפות



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בהעלותך

וכו׳ – אויב ער איז דאָס ניט ממלא.

און מ׳טוט דאָס, אויב נאָר דער חינוך איז אַ ראוי לשמו – ווערט דאָס דערנאָך ״גם כי יזקין לא יסור ממנו״,

אַז כל משך ימי חייו, אפילו ווען ער איז שוין ״זקן שקנה חכמה״, זאָגט מען, אַז ״גם כי יזקין לא יסור ממנו״.

וואָס דערפאַר זעט מען דאָך, אַז בשעת אידן זיינען אַוועקגעגאַנגען אין גלות, וואָס דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די צייט וואָס ״ובגויים לא תרגיע ולא תמצא מנוח לכף רגליך״, ווי ר׳ יהושע בן חנני׳ האָט געזאָגט, אַז וויבאַלד אַז מ׳גייט אין גלות פעלט די התרכזות כדרוש אין ענייני חכמה,

דערציילט די משנה, [וואָס יעדער סיפור אין משנה, ועל אחת כמה וכמה אין משנה וואָס איז אַ לשון קצרה און דער תוכן איז גאָר אַ סך], אַז ר׳ יוחנן בן זכאי האָט פאַנאַנדערגעטיילט און האָט מגלה געווען, אַז אף על פי וואָס מ׳גייט אין גלות –אָדער מצד דערויף וואָס מ׳גייט אין גלות – דאַרף מען וויסן זיין, אַז מ׳מוז אויסהיטן, אַז ס׳זאָל זיין אַ סוג תלמידים וואָס עיקר ענינים וועט זיין ״בור סוד שאינו מאבד טיפה״, ביז אַ סוג תלמידים וואָס עיקר ענינם וועט זיין ״מעיין המתגבר״.

ס׳איז דאָך אַ דבר הפשוט, אַז דער תלמיד פון ר׳ יוחנן בן זכאי וואָס ער איז געווען אַ ״בור סוד שאינו מאבד טיפה״ – איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט מחדש געווען **כמה וכמה** ענינים; ר׳ יוחנן בן זכאי׳ס אַ תלמיד!

דאָ איז אָבער די נפקא מינה – וואָס איז געווען דער עיקר ביי אים. און דער עיקר – ביז וואַנענט דאָס האָט דורכגענומען אַלע ענינים – איז געווען ״בור סוד שאינו מאבד טיפה״.

על דרך זה באַ ר׳ אליעזר בן ערך, וואָס איז געווען ״כמעיין המתגבר״ – איז דאָך אַ דבר הפשוט, אַז בשעת מ׳רופט אים אָן ״רבי״ האָט ער געהאַט סמיכות, און סמיכות מיט אַ יו״ד. ניט סתם ״רב״, נאָר ס׳איז אַזוינע סמיכות וואָס דאָס איז מיט אַ יו״ד.

וואָס ביי אַ סמיכה דאַרף מען פשוט האָבן ידיעה. מ׳קען ניט באַקומען קיין סמיכה, [אפילו איצטער, על אחת כמה וכמה באַ ר׳ יוחנן בן זכאי] – בשעת ער האָט ניט אַ ״בור סוד״ און האָט די אַלע ידיעות וואָס דורך זיי באַקומט מען סמיכה.

אף על פי כן זאָגט מען, אַז (ער איז) ענינו איז געווען ״כמעיין המתגבר״, וואָס דאָס איז מדגיש ענינו הכי עיקרי.

בכל אופן בהנוגע לעניננו זעט מען אין אַ חינוך פון יעדער קינד, [און פאַרוואָס ווילן דאָס עלטערן פאַר די קינדער – דערפאַר וואָס זיי פילן, אַז דאָס איז ווי ס׳דאַרף-צו-זיין], האָט מען שני הפכים:

מ׳פלאַנצט אין אים איין, אַז ס׳איז דאָ ענינים וואָס ״לא תהי׳ מוחלפת״. אין וואָס פאַר אַ זמן ומקום ס׳זאָל ניט זיין – דאַרף ער האַלטן אין איין חזר׳ן, ״אינו מאבד טיפה״ פון די יסדות וואָס מ׳האָט אין אים



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת בהעלותך

איינגעפלאַנצט.

וואָס די יסודות ווערט "לא תוסיפו ולא תגרעו": דאָס איז ניט מערניט ווי די י"ג עיקרים, די דרייצן "אני מאמינ׳ס" – דאָס איז גאַנץ תורה שבכתב, וואָס "אין לגרוע ואין להוסיף", "לא תוסיפו ולא תגרעו" בהנוגע צו מצוות וכו׳ וכו׳;

**צוזאַמען דערמיט איז אַן עיקר אין חינוך, אַז מ׳זאָל איינפלאַנצן אין דעם זעלבן קינד אַז ער דאַרף האַלטן אין איין בייטן זיך! און דאַרף זיך האַלטן אין איין וואַקסן.**



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.